**Tract de « Solidarité »(M.O.I.) en yiddish annonçant les prochaines rafles et enjoignant aux Juifs de se cacher et de rejoindre la Résistance (fin juin 1942).**

## צו די ײדישע פאלקס-מאסן אין פראנקרײך.

A9
I 15

**דער סוינע גרײט צו אן אומגעהויערן פארברעכן קעגן דער ײדישער באפעלקערונג.**

**מוטיק און שטאלץ צום קאמף צוזאמען מיטן גאנצן פראנצויזישן פאלק פאר אונזערע רעכט אויף לעבן און פרײהײט!**

CENTRE DE DOCUMENTATION
auprès de l'Union des Juifs
pour la Résistance
et l'Entr'aide
14, Rue de Paradis, PARIS

**ברידער און שוועסטער!**

מיט עטלעכע וואכן צוריק האבן די מערדער פון דער געסטאפא אונז אויפגעצוואונגען צו טראגן די געלע לאטע. זײ האבן געגלויבט אזוי ארום אויפ-העצן קעגן אונז דאס פראנצויזישע פאלק און אזוי ארום פארפעסטיקן זײער אונטערדריקונג-סיסטעם. אבער זײער כעשבן איז געווען א פאלשער. דאס פראנצויזישע פאלק האט אין דער געלער לאטע געזען א סימפטאם פון זײער בארבארײ און אויס-געדריקט די ײדן זײער מענטשלעכע סימפאטיע און סאלידאריטעט.

אין אנבליק פון דער דאזיקער מאראלע ברײטן זיך די היטלעריסטן איבערצוגײן צו א נײער אפענסיווע קעגן די ײדן. לויט ידיעות, וואס מיר באקומען פון זיכערע קוועלעס, וועלן די דײטשן, אין דער נאענטסטער צײט, ארגאניזירן א גוואלדיקע אבלאווע און דעפארטאציע פון ײדן. דורך א פארשטארקטן טעראר קעגן די ײדן ווילן די היטלעריסטן צוגרײטן א באדן פאר א נאך שטארקערער אונטערדריקונג פון גאנץ פראנקרײך. די אויסראטונג פון די ײדן דארף זײן א ווארענונג פאר די פראנצויזן, וואס שטעלן זיך אנטקעגן דער פארשקלאפונג פון זײער לאנד און ווילן לעבן ווי פרײע מענטשן און בירגער.

ברידער ײדן! די געפאר איז א גרויסע. מיר האלטן פאר אונזערע גרעסטע פליכט אײך צו ווארענען. די היטלער-באנדיטן זײנען גרײט צו אלע פארברעכנס. <u>פארמאכן די אויגן אויף דער טראגישער ווירקלעכקײט איז גלײך צו זעלבסטמארד. עפענען די אויגן, דערקענען די געפאר, פירט צו רעטונג, צו ווידערשטאנד, צום לעבן.</u>

די פראגע, וואס שטעלט זיך פאר יעדן ײד, איז וואס צו טאן, קעדײ ניט ארײנ-צופאלן אין די הענט פון די ס.ס. מערדער? וואס טאן, קעדײ צוצואײלן זײער סאף און [illegible] באפרײונג? אט, וואס יעדער ײדישער מאן, יעדע ײדישע פרוי, יעדער ײדישער יוגנטלעכער דארפן טאן:

1) ניט ווארטן אין שטוב אויף די באנדיטן, אננעמען אלע מיטלען זיך אויסצובאהאלטן און קודעם קאל די קינדער מיט דער הילף פון דער סימפאטישער פראנצויזישער באפעלקערונג;

2) האבנדיק גאראנטירט די אײגענע פרײהײט, זיך אנשליסן אין א פאטריאָ-טישער קאמף-ארגאניזאציע, קעדײ צו שלאגן דעם בלוטיקן סוינע און נעמען נעקאמע פאר זײנע פארברעכנס;

3) אויב מען פאלט ארײן אין די הענט פון די מערדער, שטעלן א ווידער-שטאנד מיט אלע מיטלען: באריקאדירן די טירן, רופן צו הילף, זיך שלאגן מיט דער פאליצײ. מען האט ניט וואס צו פארלירן. בעווינען קאן מען דאס לעבן. זוכן אומאויפ-הערלעך צו אנטלויפן.

קײן אײן ײד דארפט ניט פאלן קײן קארבן פון דער בלוט-גיריקער היטלער-כאיע. יעדער פרײער און לעבעדיקער ײד איז א זיג איבער אונזער סוינע. ער דארפט ניט, טאר ניט און וועט ניט דערגרײכן אונזער אויסראטונג.

אויף די שלאכט-פעלדער פון ראטנפארבאנד מאכט איצט דער טויטלעך-פארוואונדעטער פאשיזם קאנוולסיווע אנשטרענגונגען אין געראנגל מיט דער אומבא-זיגבארער רויטער ארמײ, אין וועמענס רײען ײדישע סאלדאטן, אפיצירן, גענעראלן און פארטיזאנען באוואונדערן די וועלט מיט זײער העלדישקײט. אבער דער אורטײל איבערן

./.

Tract, juin 1942 © MRN-Champigny_coll. UJRE

https://museemrjmoi.com